STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02459

DI KISHEF GANZ

Yehoshua Mezah

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא כישוף גאנז

אמעשה נורא וואס האט אונזערע ברידער אין דער
שטאדט „ווירמש“ (ווירמייזא) געטראפען, וויא דורך
א בכשפ'טע גאנז האבען זייא געקאנט אומקומען, אונ
אקלוגער בעל שם האט זייא פון אונגליק געראטעוועט.
קופירט פון אלטע הייליגע מאנוסקריפטען

דויד יהושע מזח.

ווילנא

ДИ КИШУФЪ ГАНЗЪ.
т. е. Заколдованный гусь.
Разсказъ О. Мейзаха.
Соб. изд. Л. Л. Маца.

ВИЛЬНА.
Типографія Л. Л. Маца, Завальная 30. 1915 г.

א

אַ דיקער שוואַרצער וואָלקען איז פאַרשפּרייט געוועזען אויף דער שטאָט „ווירמיש", אין רעכטען מיטען העלען טאָג איז פינסטער געוואָרען, אַ געדיכטע חמאַרע האָט פאַרשטעלט די זוהן, אין פיל הייזער האָבען דיא איינוואוינער אָנגעצונדען ליכט... ניט אַזויא צו ליב דיא געשטאָרבענע דען אַזויא וויא דיא הייליגע תורה שרייבט וועגען מכּות בּכורות אין מצרים, אַזויא איז געוועזען אין ווירמיש, עס איז קיין הויז געוועזען וואָס דאָרט איז ניט איינער אָדער מעהרערע מענשען געשטאָרבען אַ שרעקליכער איבערנאַטירליכער פּעסט האָט אין שטאָט אויסגעבּראָכען, געזונטע מענשען שטאַרקע העלדען זיינען געפאַלען וויא זאַנגען אויף דעם פעלד דורך דעם מענשען וואָס שנייט זייא, דער טויט האָט קיינעם ניט פאַרשוינט, עס זיינען פּלוצלונג געשטאָרבען אין איין הויז אַ יונגער מאַן אונ אין צווייטע הויז אַ יונגע געזונטע פרויענ־צימער עלטערע מענשען אונ קינדער, אַט האָבען זייא געגעסען, געטרונקען, אונ אין אַ צייט פון עטליכע מינוט האָבען זייא זיך געבּיינט אויפ'ן בעט אונ האָבען איינגעשלאָפען אויף אייביג, זיי האָבען קיין צייט ניט געהאַט צו רידען, צו זאָגען וואָס זייא טוט וויי, מען האָט נור געהערט איין וואָרט „אָה" אונ נאָכהער האָבען זייא דיא טונד פאַרמאַכט אויף עוויג! —

אין יענער צייט האָבען דיא יודען אין ווירמיש געוואוינט אבגעזונדערט (בּישוף גאַנז)

צבנ.ונדערט פון דיא שטאט בירגער זייא איז געווען ערלויבט צו וואוינען אין זייער געטטא , א בעזונדערע שטאט אבטהיילונג וויא א קרעפאסט , זייער זעלטען פלעגט א יוד פון געטטא ארויס גיין אין שטאט , ווייל דיא בירגער האבען זייא געהאסט , פיל מאל האט געטראפען ווען א יוד האט געמוזט גיין אין שטאט וואו די בירגער האבען געוואוינט , פלעגען איהם בעפאלען גרויסע אונ קליינע בירגער אמאל האבען זייא נור געשימפפט , אונ א מאל האבען זיי אים געשלאגען מיט די הענד אדער מיט א שטעקען , אונ א מאל האבען זייא איהם געווארפען שטיינער , דער יוד איז קוים אנטלאפען געווארען פון זייא , מיט נסים האט ער זיך גערעטעט פון טויט , ער פלעגט גומל בענשען פאר די חסד וואס ער איז אנגעקומען מיט אלאך אין קאפ אבי ער איז געבליבען לעבען .

אין יענער צייט וואס דיא יודען זיינען געווען פאריאגט אונ פארפאלגט פון דיא שטאט בירגער האבען זיך געפונען נאך הערציגע בירגער וואס זיי האבען קיין מאל א יודען ניט באליידיגט , קיין שלעכטעס געטאן , פארקעהרט , זייא האבען אין א נויט בעשיצט דיא יודען , ווען א יוד איז געקומען צו זייא אין הויז , האבען זייא איהם ערלויבט ביי זייא זיך צו פארבארגען פון זיין פערפאלגער , ווען דיא גוט הערציגע בירגער האבען געוואוסט פון א נייע גזרה אויף דיא יודען , האבען זייא באלד פארטרויט דיא זאכע אן דיא יודען אונ דורכדעם זיינען דיא יודען פיל מאל גערעטעט געווארען פון אונגליק , ווייל זייא האבען דיא גזרה מבטל געווען דורך געלד , אדער דורך גרויסע פראטעקציע אונ גאט האט זייא פיל מאל געהאלפען אין זייער נויט.

דיא שטאט בירגער האבען געהערט דאס דיא שרעקליכע קראנקהייט וואס האט געטייט אין שטאט טויזענדע מענשען ,

(פישוף גאנץ)

תאט

האט קיין איינציגע יודען ניט אנגעריהרט, ניט איין יוד איז פון די קראנקהייט געשטארבען, האבען זייא דאס אין אנפאנג בעוואונדערט, נאכדעם האט דאס זיי שטארק פארדראסען, אונ נאכהער זיינען זייא דער פאר אין כעס געווארען, זייא האבען אנגעפאנגען צו קלעהרען דיא אורזאכע דער פון אין גאנץ שטאט האבען אלע בירגער גערעדט וועגען דעם, יעדער האט געזאגט א גאנדער מיינונג, וואס איינער האט געוואלט האט ער גערעדט, איינינע בירגער האבען געזאגט: דאס ביי די אידען זיינען פאראן מכשפים, וואס זייא קענען באשווערען דעם מלאך המות ער זאל צוא זייא ניט קומען, אנדערע האבען געזאגט דאס בייא אידען זיינען פאראן גוטע דאקטוירים ביז צום עגדע האבען זייא באקלעהרט דאס דיא אידען האבען שולד אין דיא שטאט בירגערס קראנקהייט, דורך זייא שטארבען אזויא פיל בירגער אין שטאט זייא האבען געזוכט צוא מאכען א בלבול אויף דיא יודען, אונ אז מען זוכט געפינט מען, זייא האבען אויסגעטראכט א נייעס בלבול אויף דיא יודען דאס זיי ווארפען סם אין די ברינעמער, אונ דורך דיא פארגיפטעטע וואסער וואס דיא שטאט בירגער טרינקען, ווערען זייא פארגיפטעט אונ שטארבען.

אין יאהר פינף טויזענד, הונדערט מיט נייגציג נאך דיא וועלט בעשאפונג, אום ראש חדש אדר שני זיינען געקומען פאלשע עדות אונ האבען געזאגט דאס זייא האבען געזעהן: עטליכע אידען זיינען ביי נאכט ארויסגעגאנגען פון זייער געטטא, אונ זייא זיינען געגאנגען אין שטאט צוא דיא ברינעמער אונ האבען געווארפען אין זייא סם צו פארגיפטען דאס וואסער אונ דורך דעם איז געווארען דער אונגליק אין שטאט.

דער הויפטמאן פון שטאט האט זייא געפרעגט, ווארום האט איהר דיא יודען ניט פעקט גענומען?
(פישוף גאנז)

ווייל

— ווייל מיר זיינען געווען נור דרייא מאן — האבען דיא עדות געזאגט — אונ זייא זיינען געווען צעהן מאן.

— ווארום האט איר ניט געשריען? — האט דער הויפטמאן געפרעגט — ווען איהר וואלט מאכען א גערוואלד, וואלטען דאך פיל בירגער צוזאמענגעלאפען, וואלטען זייא געוויס אלע צעהן יו״ען געפאנגען.

— מיר האבען מורא געהאט צו שרייען — האבען די עדות געענטפערט — ווייל זייא האבען אין זייערע הענד געהאלטען שארפע מעסער, זייא וואלטען אונז געוויס ערמארדעט.

— איהר וואלט ערקענען דיא צעהן יודען? — האט דער הויפטמאן געפרעגט.

— אלע צעהן ווייסען מיר ניט — האבען די עדות געזאגט — נור צוויא דרייא יודען וואלטען מיר ערקאנט.

— אויב אזויא — האט דער הויפטמאן געזאגט — וועלען מיר מארגען באלד אין דער פריה גיין אין געטטא זוכען דיא יודען וואס איהר וועט ערקענען, מיר וועלען זייא הארט זייער הארט בעשטראפען, פיליכט וועלען זייא זיך מודה זיין אויף דעם גרויסען פארברעכען, אונ אויב זייא האבען דאס געטאן, וועלען מיר זייא טייטען, אויך יונגע אונ אלטע, פרויען אונ קינדער וועלען מיר שעכטען אן רחמנות, אפילו די קינדער וואס זיינען נאך אין מוטער לייב וועלען פאלען צום שארף פון אונזערע שווערדע, עס וועט פון זייא קיין איינציגער בלייבען לעבען, מיר קאנען אזא שרעקליכע זאך זייא ניט פארשווייגען.

דיא יודישע געמיינדע אין ווירמיש האבען געהאט שתדלנים און פרנסים, וואס זיי האבען געהאט אנגענעהם בייא די גרעסטע מענשען אין שטאט, וואו זייא האבען געברויכט קומען און זיי האבען געפונען דיא מיר פארשלאסען ... האבען זייא געהאט א מיטעל צו עפענען, דעם מיטעל האט מען גערופען „געלד", ווען זייא האבען צו איינעם גערעדט און ער האט ניט געהערט זייערע רייד, פלעגען זייא דעם מיטעל צולייגען ניט ווייט פון זיינע אויערין האט יענער באלד דער הערט, דער מיטעל ווירקט צו פעם צוא שנאה, דאס איז א טייערער מיטעל וואס יעקב אבינו האט איהם מיט זיין חכמה ערפונדען, אלע מיטלען ענדערין זיך נאך דער צייט, אבער דער מיטעל ווערט ניט פארענדערט, ער ווערט ניט אלט ניט שוואך, פארקעהרט ער איז יעדען טאג וויא נייא געבארען, מיט נאך מעהר פרישע קרעפטען.

מיט דעם טייערען מיטעל זיינען דיא פרנסים געגאנגען וואו זייא האבען געוואלט, אין פייער אין וואסער, אין היץ אין קעלט, אין דיא געפעהרליכסטע ערטער צו ווישען שלאנגען און קראקאדילען, צוא ווישען טיגערין און הייא-פישע, זייא זיינען געווען זיכער דאס קיינער וועט זייא קיין שלעכטעס טאן, ווייל דער מיטעל איז א גרויסע סגולה צוא אלע אונגליקען...

אז דיא פרנסים האבען געהערט פון דיא נייע פאלשע עדות וואס זאגען אז זייא האבען געזעהן בייא נאכט וויא צעהן יודען בעוואפענט מיט שארפע שווערדע זיינען געגאנגען אין שטאט און האבען געווארפען סם אין דיא ברינעמער צו פארגיפטען דאס וואסער, האבען דיא פרנסים באלד פארשטאנען אז באלד וועט ווערען דער פון א גרויסע צרה אויף דיא יודען, האבען זייא געוואלט פארהאפען איידער דער אונגליק וועט קומען, זייא

האבען גענומען דעם „מיטעל" אין האנד, א גרויסע פארציאן אונ זיא זיינען אוועקגעגאנגען צו דעם „הגמון" 1) נאך הויזע.

דער הגמון האט געשפיעלט א גרויסע ראלע, ווען ער האט געזאגט דיא בירגער אז נאט וויל ניט זיא זאלען טאן שלעכטעס דיא יודען, האבען דיא בירגער איהם געפאלגט, קיינער פון דיא בירגער האט זיך ניט ערלויבט צוא טאן א זאך געגען דעם ווילען פון הגמון, ער איז ביא זייא געווען היילינ, א פארש־ייער געגען גאט אונ זייא.

ניט איין מאל האט דער הגמון גערעטעט דיא יודען פון אונגליק, ווען דיא בירגער זיינען געווען פערטיג צוא בעפאלען דיא געטטא מיט א שארפען שווערד הרגענען די יודען, האט דער הגמון זייא פארזאמעלט אין געבעט הויז, דארטען האט ער זייא געזאגט קלוגע רייד, ער האט זייא געשווארען ביא זיין עהרען ווארט אז גאט וועט זייא בעשטראפען ווען זייא וועלען טאן שלעכטעס דיא אונשולדיגע יודען, קלעגט דער צארען ביא דיא בירגער באלד געשטילט ווערען.

דיא פרנסים מיט דיא שתדלנים זיינען געקומען צוא דעם הגמון אין זיין פאלאץ, זייא האבען איהם געטראפען ביא דעם טויער פון זיין הויז, ווי ער האט זייא דער זעהן איז ער געבליבען שטיין ביא דעם טויער.

— וואס פאר גוטע נייעס האט איהר מיר געבראכט — האט דער הגמון פריינדליך געפרעגט — אייער קומען צו מיר איז ניט אומזאנסט, ווארשיינליך האט ביי אייך א נייער אונגליק געטראפען.

— אך גרויסער הגמון! — האט איינער פון דיא שתדלנים

ניז נט

---

1) אין יענער צייט האבען אין ווירמיש געוואוינט ניט מעהר וויא היידען וואס האבען געדינט צום פייער, זייער היילינגען האבען זייא גערופען מיט דעם נאמען „הגמון" יחים מות;
(פישוף נאגו)

געזאגט — אויף אונז ארעמע עלענדע אידען מאכט מען יעצט א נייעם בלבול, פאלשע עדות זאגען: דאס מיר האבען געווארפען סם אין די ברינעמער צו פארגיפטען דאס וואסער און דאריבער האט אויסגעבראכען אין שטאט א נייע קראנקהייט, מענשען פאלען וויא די פליעגען זאגט אליין גרויסער הגמון, איז דאס ניט א ליגען? מיר אידען האבען א גרויסע היילינע תורה מיט פיל מצות, די גאנצע תורה איז ביי אונז טייער, מיר ליידען גענוג צרות פאר דער תורה מעהר וויא אלע געבאט היטען מיר די צעהן געבאט, איינע פון די צעהן געבאט איז „לא תרצח" דו זאלסט ניט מארדען, די תורה מאכט קיין אונטערשייד פון א יודען ביז ניט א יודען, א יוד דארף קיינעם ניט הרגענען, אלע מענשען זיינען בעשאפען אין גאטעס פארעם, אלזא וויא אזויא וועלען מיר טאן אזא גרויסען פארברעך, וואס דאס איז געגען גאט און געגען מענשען.

— עס וואונדערט מיך זייער — האט דער הגמון געזאגט — וויא קענען מענשען זאגען אזא גרויסען ליגען? איך וועל זיין שווערען פאר אייך אז איהר זייט ריין פון דעם בלבול.

— איך דאנק אייך גרויסער הגמון אין נאמען פון מיין גאנצען פאלק — האט דער שתדלן געזאגט — אבער דער וויל זיינען מיר אין גרויס געפאהר, מארגען וועט דער הויפטמאן קומען אין געטטא זוכען די צעהן אידען וועלכע די פאלשע עדות וועלען אנצייגען, ווער ווייס אויף וועמען זייא וועלען זאגען ווארשיינליך וועלען זייא אנווייזען אויף עלטערע אידען וואס האבען א ביסעל געלד, קוים וועט מען זיי איינשפארען אין געפיינגעניש זיינען אלע יודען אונגליקליך.

דער הגמון האט געהאלטען אין זיין האנד א דינעם שטעקער

(פישוף נאגז)

אאא

און אויף דעם טויער איז געהאנגען א דיקע אייזערנע קייט, ער האט זייא געזאגט: אט זעהט, איך וועל מיט דעם האלצערנעם שטעקעל געבען א קלאפ אויף די קייט קאן דער שטעקעל צו ברעכען די קייט? אזויא קאן ניט זיין אז דורך אזא פאלשען בלבול זאלט איהר אונגליקליך ווערען.

ביידענדיג האט דער הגמון געגעבען מיט זיין שטעקעל א קלאפ אויף די קייט, איז די קייט צו בראכען געווארען און א האלבע קייט איז אראפגעפאלען אויף דער ערד.

דער הגמון האט זיך שטארק ערשראקען, ער האט צוא זיי געזאגט: ווי איך זעה פון דעם וואונדער דאס פון א הילצערנעם שטעקען זאל אזא דיקע קייט צוברעכען ווערען, איז א צייכען דאס די גזירה איז א בעשטימונג פון גאט, ער וויל אזוי דארום קאן איך פאר אייך גאר נישט טאן, ניט נוט ניט שלעכט, טוט איהר אליין וואס איהר ווילט און ווי א פאר אייך איז בעסער.

ב.

די שתדלנים און די פרנסים זיינען פון הגמון אוועקגעגאנגען מיט בעטריבטע הערצער זייא זיינען געקומען אין געטטא און האבען געבראכט צו זייערע ברידער די טרויעריגע נאכריכט, די אידען אין געטטא האבען זיך צוטהיילט אויף דרייא פארטייען די אלטע לייט זיינען אוועק געגאנגען אין שול, א גאנצע נאכט
(פישוף גאנז)
האבען

האבען זייא דארט געוויינט און געקלאגט, מיט'ן גאנצען הערצען האבען זייא געבעטען גאט ער זאל זייא מוחל זיין אויף אלע זייערע זינדע, ווער עס האט דיא טראגעדיע ניט געזעהן דער קאן זיך ניט פארשטעלען וואס א טראגעדיע בעדייטעט, מענשען וואס ווייסען דאס מארגען וועלען זייא געהרגעט ווערען דורך פיל יסורים פון שלעכטע מענשען, מערדער, און פאר וואס? פאר א פאלשען בלבול, דער שרעק פאר אזא טויט איז פיל שרעקליכער וויא דער טויט אליין.

דיא צווייטע פארטייא, דאס זיינען געוועזען דיא רייכע פון געטטא, זייא האבען געהאט בעקאנטע בירגער אין שטאט, וואס זיי זיינען געוועזען בעפריינדעט מיט זייא, זיינען זייא אוועק געגאנגען צוא דיא בירגער אהיים און דיא בירגער האבען זייא צוגענומען מיט גרויס פריינדשאפט און זייא האבען פארשפראכען דיא יודעלעך דאס זייא וועלען זיין געזיכערט מיט זייער לעבען און פארמעגען וואס זייא האבען מיט גענומען מיט זיך.

דיא דריטע פארטייא זיינען געוועזען יונגע לייט, גרויסע העלדען, פארביטערטע הערצער, זייא האבען זיך פערזאמעלט אין איין ארט, זיי האבען גערופען דיא צוועלף פרנסים צו זיי, דיא יונגע מענשען האבען געבעטען דיא פרנסים דאס מארגען זאלען זייא גיין אין באטה הויז הערען וואס דער הויפטמאן מיט אלע פארשטייער וועלען אורטהיילען צוא טאן דיא יודען, און אויב זייא וועלען גוזר זיין אויף אונז דאס מיר מוזען שטארבען דורך זייערע הענד, וועלען מיר צו ערשט זיך נוקם זיין אן זיי, מיט אונזערע שארפע מעסער וועלען מיר זייא טייטען וויא פיל מיר וועלען קענען.

דיא פרנסים האבען דאס אפילו ניט געוואלט אין אנפאנג,
(כישוף גאנז) נאר

נור זייא האבען בארעכענט וואס קענען זייא דער בייא פארלירען, דער פאר האבען זייא איינגעשטימט צו דעם גרויזאמען פלאן.

דיא יונגע מענשען האבען זיך בעוואפענט מיט שארפע מעסער, זייא האבען דאס געהאלטען אונטער זייערע מאנטלען קיינער פון דיא בירגער זאל דאס ניט קענען באמערקען.

א גאנצע נאכט זיינען זייא ארומגעגאנגען אויף דיא גאסען, נור עס זאל ניט ווערען א חשד אויף דעם, דיא בירגער זאלען ניט אנפאנגען אויפפאלענד צו ווערען, האבען זייא זיך צוטהיילט צו פינף זעקס מענשען בעזונדער, זייא האבען אפגעמאכט צו וויסען זיך מיט א בעשטימטען צייכען פילייכט וועט איין פארטייא ברויכען הילף, זאל דיא צווייטע פארטייא קומען העלפען, זייא זאלען וויסען דאס א איד דארף ניט זיין א הפקר מענש.

אויף מארגען פריה זיינען געקומען אין געטטא דער הויפטמאן מיט דיא דרייא פאלשע צייגער מיט פיל בירגער זוכען דיא אידען וואס האבען בייא נאכט געווארפען סם אין דיא ברינעמער, זייא האבען געוואלט ארעסטירען עטליכע רייכע יודען, כדי זייא זאלען קענען צונעהמען זייער פארמעגען, דיא רייכע יודען זיינען אבער ניט געוועזען צוא הויזע, נאך נעכטען האבען זייא גענומען זייערע פרויען און קינדער און זייער גאנצען פארמעגען און האבען אלס געבראכט צו זייערע בעקאנטע בירגער אין שטאט, דער הויפטמאן מיט זיינע לייטע זיינען געקומען צו דיא רייכע אידען האבען זייא געפונען לעערע הייזער, קיין מענש איז דארטען ניט געוועזען, קיין געלד, קיינע זילבער, האט דאס זייא שטארק פאר דראסען, פון די ארעמע אידען וועלען זיי דאך גאר ניט פראפעטירין נור פון גרויס כעס האבען זייא געוואלט זיך נוקם זיין, חאטש אן דיא ארעמע יודען, זייא זיינען געגאנגען אויף דער גאס זייא האבען
(בישוף נאנז) נעטראפען

געטראפען דעם דארטיגען רב וויא ער איז געגאנגען פון שול מיט זיין טלית אונ תפילין אונטערען ארעם, האבען זייא איהם געחאפט, ארויסגעריסען פון איהם דעם טלית אונ תפילין, געווארפען אויף דער ערד אונ געטראטען מיט דיא פיס, דעם רב האבען זייא שטארק געשלאגען, דער רב האט אנגעפאנגען שרייען מיט אלע זיינע קרעפטען האבען זייא איהם א ריינגעשטאכען א שארפען שפיז אין הארצען איז ער געפאלען טויט אויף דער ערד.

וויא דיא בעוואפענטע יונגע לייט האבען דאס געזעהן, זיינען זייא בעפאלען דעם הויפטמאן מיט זיינע לייטע, זייא האבען געשריען: בלוט פאר בלוט! אונ זייא האבען געשטאכען מיט זייערע שארפע מעסער דיא דרייא פאלשע צייגער, דער הויפטמאן איז א ביסעל פארוואונדעט געווארען, נור ער האט אויפגעפייעט צו אנטלויפען, איז ער גערעטעט געווארען פון זייערע הענד, זאנסט וואלטען זייא איהם געוויס געהרגת, אונ דיא עטליכע בירגער, דיא גרויסע בעלי גאות וואס זייא איז ניט אנגע-שטאנען צוא אנטלויפען פון אידישע העלדען, האבען זייא זיך געשטעלט געגען דיא יודען מלחמה האלטען זיינען זייא אלע געהרגת געווארען דורך דיא אידען, עס איז פון זייא קיין איינציגער ניט געבליבען.

וויא דער הויפטמאן איז געקומען אין שטאט האט ער צוזאמענגערופען אלע בירגער וואס האבען שוין לאנג געוואלט הרגענען דיא אידען, זייא האבען זיך פערזאמעלט אין ראטהויז, ער האט זיי ערצייהלט וואס איהם האט געטראפען אין די געטטא, ווי אזויא די אידען זיינען בעפאלען אויף איהם מיט זיינע מענשען, ער איז קוים מיט זיין לעבען אנטלאפען אונ דיא איבעריגע זיינען געפאלען טויט דורך דיא יודען.

(פישוף גאנז)

דיא בירגער האבען אלע געשריען: דיא אידען פארדינען דעם טויט, נור איין בירגער וואס ביי איהם צו הויזע האבען זיך עטליכע יודען בעהאלטען, ער איינער האט געשוויגען.

— ווארום שווייגסט דוא? — האט איהם דער הויפט מאן געפרעגט — בינסט דוא ניט צופרידען מיט אונזער אורטהייל?

— איך קאן מיין מיינונג ניט זאגען — האט דער בירגער געענטפערט — איידער איך ווייס קלאהר דיא אורזאכע ווארום זיינען דיא שוואכע רוהיגע אידען אויף אייך בעפאלען? ווארשיינליך איז דאס ניט אומזאנסט.

— דיא אורזאכע דער פון איז געוועזען — האט דער הויפט מאן געזאגט, וייל מיר האבען צוערשט געהרגט זייער רב, זיינען מיר דאך דער פאר דיא בעלי בתים פון שטאט און וואס זיינען זיי? נור אידען! זייא האבען קיין רעכט אויפצוהייבען א האנד געגען אונז, מיר טארען זייא פאר דאס ניט שווייגען, זייא, אלע אידען האבען דעם טויט פארדינט, קומט ברידער, ניר קלעלט זיך אן מיט שווערדען און שפיזען, לאמען, און אנדערע געוועהר, מיר וועלען אלע צוזאמען גיין אין געטטא, מיר מוזען זיך נוקם זיין אן אלע אידען זייער בלוט פארגיסען וויא וואסער, ווער עס איז א וואהרער בירגער זאל גיין צו הויז נעהמען זיינע געוועהר און קומען צוריק דא אין ראטה הויז, פון דאנען וועלען מיר אלע צוזאמען גיין אין געטטא מיר וועלען מאכען פון זייא א תל ניט לאזען א לעבעדיגען מענשען, נור זייער פארמעגען וועלען מיר בערויבען און צוטיילען אלע בירגער יעדער וועט בעקומען א גלייכע טייל און דאס מוז היינט און מאקע באלד געמאן ווערען

מיט גרוים היץ און זייער שנעל זיינען דיא בירגער גע- (בישוף נאגעז) גאנגען

גאנגען א חיים געהאטען דיערע געוועהר אונ מיט איין געדאנקען זיינען זייא אלע געוועזען באלד צוריק אין ראטה הויז אונ פון דארט גיין אין געטטא הרגענען אלע אידען.

נור דער איין שטאט בירגער וואס ער האט אין ראטה הויז געשוויגען, ער האט ניט גערעדט ניט גוט גיט שלעכט, וועיל שלעכטעס האט ער ניט געוואלט ריידען, ער האט בייא זיך געטראכט דאס דיא אידען אין געטטא האבען רעכט געטאן אונ א גוט ווארט ריידען פאר זייא האט ער מורא געהאט פאר אלע בירגער, אז ער איז געקומען צוא הויז האט ער גענומען איין אידען פון דיא וואס האבען זיך בייא איהם בעהאלטען, ער האט איהם פאר מאסקירט, אנגעצויגען איהם אין בירגער קליידער דאס קיין מענש זאל איהם אויף דער נאס ניט ערקאנען אז ער איז א איד, ער האט איהם ערציילט אלס וואס אין ראטה הויז האבען דיא שטאט בירגער בעשלאסען צוא טאן, אונ ער האט דעם אידען געשיקט אין געטטא ער זאל גיין צוא זיינע ברידער ערציילען דיא אלע רייד, פיליכט וועלען זייא זיך קאנען רעטען פון טויט, זייא וועלען זיך פאראייניגען אונ מלחמה האלטען געגען דיא בירגער.

דער פארמאסקירטער איד איז געקומען אין געטטא, האט ער זיין מאסקע אראפגענומען פון זיין פנים, דיא אידען האבען איהם באלד ערקאנט ער האט זייא ערציילט אלס וואס זיין גוטער פריינד דער שטאט בירגער האט איהם פארטרויט פון דעם בירגער בעשלוס אין ראטה הויז.

— אויב אזויא — האבען דיא בעוואפענטע יונגע לייט גע-
(בישוף גאגן) זאגט

זאגט צו דיא פרנסים — לאמיר צום ווייניגסטען נעהמען נקמה פון דיא מערדער, זאלען זייא אונז בעצאהלען פאר אונזער בלוט מיט זייער בלוט לאמיר אלע גיין צום באטה הויז, איהר פרנסים וועט אריינגיין אין באטה הויז צו דיא בירגער, און איהר וועט הערען וואס זייא ריידען, אויב איהר וועט הערען א קלאהרען ריכטיגען בעשלוס פון זייא צו בעפאלען דיא געטטא און אויסהרגענען אלע אידען זאלט איהר אונז געבען א סיגנאל וועלען מיר אלע אריינלויפען אין באטה הויז און מיר וועלען טאן מיט זייא דיא זעלביגע וואס זייא וועלען טאן מיט אונז, נאר איהר זאלט גוט אכטונג געבען, פיליכט זיינען דארט פאראן עטליכע בירגער וואס ביי זיי זיינען פארבארגען פון אונזערע אידען זאלען מיר זיי קיין שלעכטעס טאן.

דיא פרנסים האבען דער צו איינגעשטימט, און זיי זיינען אוועק געגאנגען אין באטה הויז.

דיא אידישע יונגע העלדען האבען גענומען שארפע מעסער און קורצע שפיזען אונטער זייערע מאנטלען און זייא זיינען פאר וויי אוועק געגאנגען צום באטה הויז, זייא האבען געווארט אויף דעם צייכען פון דיא פרנסים.

ווייא דיא פרנסים זיינען צריינגעקומען אין באטה הויז האט דער הויפט טאן צוא זייא געזאגט: זייער גוט וואס איהר זיינט אהער געקומען, איהר האט אונז ערשפארט א טרחה אייך צו זוכען, מיר האבען אייך טאקע זייער נייטיג, אזויא וויא איהר זיינט דיא פרנסים פון דיא אידישע געמיינדע, דארפט איהר זיין דיא ערשטע כפרה, פון אייך וועלען מיר אנפאנגען אונזער נקמה, ביידענדיג האט ער איינעם פון דיא צוועלף פרנסים געשאכטען
(פישוט גאנז!) מיט

מיט א שפיז, דיא עלף פרנסים האבען געגעבען א סיגנאל צו דיא יונגע לייט וואס האבען געווארט אויף דער גאס, יענע זיינען אריינגעלאפען אין באטה הויז מיט דיא שווערדען און שפיזען אין זייערע הענד, עס איז געווארען א בלוטיגע מלחמה, פיל יונגע לייט זיינען געהרגת געווארען נור אזויא וויא זייא זיינען געוועזען אין צאהל מעהר וויא דיא בירגער, און דאס הויפט וואס דיא בירגער האבען זיך אין אנפאנג שטארק ערשראקען, ווייל זייא האבען זיך ניט גערעכענט, אויף אזא פלעצליכען איבערפאל פון דיא אידען, דער פאר האבען דיא יונגע לייט געהרגת דיא בירגער עס איז פון זייא קיין איינציגער געבליבען, נור דיא פרנסים זיינען אויך געהרגת געווארען ווייל דיא בירגער האבען מלחמה געהאלטען מיט אלע זייערע קרעפטען.

אין דער צייט וואס דיא אידישע יונגע לייט האבען זיך געשלאגען מיט דיא בירגער, האבען די אידישע פרויען אונטער געצונדען אין שטאט אין איינגע ערטער, פיל הייזער און פיל בירגער זיינען פארברענט געווארען, דער פייער האט פארברענט פיל תבואה, און גרויסע געשעפטען, נור דיא בירגער האבען ניט געשוויגען, זייא האבען אויסגעהרגת אלע אידען אלטע און יונגע, פרויען און קינדער.

פון דיא אידען האבען זיך אבגעשטעלט לעבעדיגע נור דיא וואס האבען זיך בעהאלטען ביא זייערע בעקאנטע שטאט בירגער, און אויסער דיא עטליכע בעהאלטענע אידען איז קיין איינציגער געבליבען לעבען.

ג.

נאך דיא מלחמה האבען דיא איבערגעבליבענע בירגער געהאט פיל גרויסע ארבייט צו באגראבען דיא געהרגעטע וואס זיינען געלעגען אין דיא הייזער און אויף דיא גאסען, דער כעס פון דיא בירגער אויף דיא אידען איז ניט געשטילט געווארען, זייא האבען זיך נוקם געווען אן דיא טויטע קערפער, זיי האבען פיל געהרגעטע צו שניטען און זייער פלייש געגעבען דיא הינט זייא זאלען זיך זעטיגען דער מיט פיל טויטע אידען האבען זייא צוסקעשלעפט אויף דעם פעלד, צוועק געווארפען זייא פאר דיא חיות פון וואלד און פאר דיא פייגעל, פיל אידען האבען זייא געווארפען אין דיא זומפען, אין טייך, מאנכע האבען זייא פארברענט, דיא אידען פאר און נאך זייער טויט האבען געהאט פיער ארטען טויטען: סקילה שרפה הרג וחנק.

דיא בירגער האבען באמערקט דאס אונטער דיא געהרגעטע אידען איז ניטא קיין איינציגער פון דיא רייכע, זייא האבען אנגעפאנגען קלערען וואו זיינען דיא רייכע יודען געבליבען? אנטלויפען פון שטאט איז ניט מעגליך, דען וואו וועלען זייא לויפען? ווארשיינליך ליגען זיי אין שטאט בעהאלטען ביי זייערע בעקאנטע גוטע פריינד דיא בירגער און דיא בירגער טוען דאס ניט פון מצוה וועגען נור איינפאך פאר געלד, דיא אידען באצאהלען זייא א גרויסע סומע געלד פאר דעם וואס זייא דיא בירגער פארבארגען זייא, דארום וועלען דיא בירגער ניט אויסזאגען

(בישוף נאנו)

זאגען דעם סוד אונ זוכען אין גאנץ שטאט איז ניט מעגליך דארום איז ביי זייא געבליעבען א פלאן צו שיקען נאך א גרויסען מכשף, ער זאל מאכען מיט כישוף דאס אלע זאלען וויסען אין וועלכע הויז עס זיינען פארבאן אידען, דאן וועלען זייא יענע הויז בעפאלען אונ מיט געוואלד ארויסנעהמען פון דארט דיא אידען אונ זייא טייטען.

דער צוא דארף מען האבען געלד, אומזיסט וועט דער מכשף ניט וועלען קומען צוא זייא, האבען זייא געמאכט א פארזאמלונג פון גאנץ שטאט בירגער, בעטען יעדען א נדבה כדי דער מכשף זאל קומען, אונ דער מיט האבען זייא געוואלט מאכען פאר א צייכען וועלכער בירגער עס וועט אויף דעם ניט וועלען געבען א נדבה איז א סימן דאס ביי איהם אין שטוב ליגען בעהאלטען דיא רייכע אידען, אבער דער סימן האט זייא ניט געלונגען, וויל דיא בירגער וואס ביי זייא זיינען געווען פארבארגענע אידען, דיא בירגער האבען ריכטיג פארשטאנען דעם שווינדעל, האבען זיי דער פאר געגעבען נדבות נאך גרעסערע וויא יענע בירגער, אונ געראטהען דאס דער מכשף זאל באלד קומען צוא זייא אין שטאט.

די בירגער וואס האבען זיי זיך צו הויז געהאט פארבארגענע אידען, וויא זייא זיינען געקומען א היים האבען זייא זייערע פארבארגענע אידען ערצייילט דעם שווינדעל וואס יענע בירגער האבען געוואלט מאכען, נאר זייא האבען ניט אויסגעפיהרט, אבער וואס טוט מען דער צו וואס זייא האבען געשיקט נאך א גרויסען מכשף יענער וועט דורך כישוף מאכען וויסען אין

וועלכע הויז עס זיינען פאראן פארבארגענע אידען , דענסטמאל וועט זיין זייער ניט גוט מיט אייך אידען , מיר וועלען מוזען אייך ארויסגעבען צוא אייערע בלוט פיינד אין זייערע הענד .

— מיר האבען דער צו אנ׳עצה — האבען דיא אידען געענטפערט — מיר וועלען שיקען נאך א גרויסען בעל שם , ער וועט קומען אין אונזער שטאט , און וואס דער מכשף וועט מאכען מיט כישוף וועט דער בעל שם צושטערען זיינע פלענער .

— טוט דאס וואס שנעלער — האבען דיא בירגער געזאגט — ווייל יענע האבען שוין געשיקט נאך דעם מכשף , און איידער אייער בעל שם וועט קומען קאן ער טאן זייער פיל שלעכטעס .

אין יענעם טאג האבען דיא פארבארגענע אידען געשיקט א בריעף מיט געלד צוא דעם בעל שם זיא האבען אין בריעף אלס דייטליך געשריבען , און זיא האבען איהם געבעטען דאס ער זאל באלד קומען צוא זיא אין שטאט , פיליכט וועט ער רעטען דיא ביסעלע אידען וואס זיינען געבליבען לעבען פון דער בלוטיגע מלחמה .

וויא דער בעל שם האט איבערגעלעזען דעם טרויעריגען בריעף , האט ער פארלאזען זיין שטאט און ער איז געקומען אין ווירמיש .

גלייך איז ער אריינגעפאהרען צוא דעם הגמון אין הויז , ווייל זיא זיינען געוועזען יוגענד פריינדע , און דיא פריינדשאפט איז בייא זיא געבליבען אויף אלע מאל .

(כישוף נאנז)

אין דעם זעלבינען טאג וואס דער בעל שם איז געקומען אין ווירמיש, איז דער מכשף אויך געקומען אין ווירמיש, די ערשטע וויזיטע האט ער געמאכט צוא דעם הגמון.

ד.

דער הגמון איז כאן געזעסען אין זאל מיט דעם בעל שם, זייא האבען גערעדט פון א מאלינע צייטען ווען זייא ביידע האבען געלערענט בייא איין מלמד, ביידענס טאטעס האבען זיך געוואונשען דאס זייערע קינדער זאלען זיין רבנים בייא אידען. נור דער גרויסער שטראם פון וועלט ים האט דיא ביידע גוטע חברים פאנאנדער געשיידט, איינעם האט דער שטראם אוועק געטריבען אין מזרח זייט און דעם צווייטען אין צפון זייט.

ישראל איז מיט דער צייט געווארין א „בעל שם", ער האט פיל געלערנט אלם וואס געפינט זיך אין די אידישע ליטעראטור האט ער געלעזען, און וואס ער האט איין מאל דורכגעלעזען האט ער דאס געדיינקט קיין מאל ניט פארגעסען, ער האט ליעב געהאט צו לערנען אנדערע שפראכען, ער האט געהאט א גרויסע ידיעה אין פיל פערשיידענע רעליגיאנען, ער האט געהאט גרויסע פייהיגקייטען צו זאגען דרשות פאר אידען און פריידיגען פאר ניט אידען, און דארום האט ער געלעזען דיא דרשות פון אנדערע נאציאנען

(כישוף גאנז)

נאציאנען, ווען ער האט געהאלטען א רעדע פאר פראנצויזען,
האבען דיא צוהערער געגלויבט דאס ער איז א פראנצאזע, דיא
לאטיינישע אונ גריכישע שפראכען האט ער געקאנט גרינדליך,
זיין חבר יעקב איז געווען מיט קלענערע פעהיגקייטען, נור דער
שטראם אונ דער גרויסער שטורעם ווינד האט איהם פארווארפען
אין צפון זייט צוא זיינעם בעדויערען האט ער געזעהן דאס דיא
אידען ליידען גרויסע צרות, דיא פערפאלגונגען איז איבערנאטירליך
האט ער זיך בעשלאסען אפצושטערען פון אזא פערפאלגטע פאלק,
ער איז איבערגאנגען צום צווייטען לאגער, ער האט געטראכט
ביוא זיך ווען ער וועט בלייבען א איד וועט ער פאר דיא אידען
גאר נישט קענען טאן, אבער ווען ער וועט זיין פארמישט מיט
זייערע פארפאלגער אונ ער וועט וויסען אלע זייערע פלענער, וועט
ער פיליכט קענען א מאל צושטערען זייערע שלעכטע גזירות וואס
זייא ווילען ארויסגעבען אויף דיא אידען, אונ באמת האט ער
פיל מאל מבטל געווען דיא גזירות וואס דיא בירגער האבען א מאל
געטאן, ווען דיא אידען האבען דער שמעקט א נייע גזירה זיינען
זייא באלד געלאפען צו איהם, נור דעם לעצטען מאל האט ער
זייא ניט געקאנט העלפען איבער פערשיידענע אורזאכען, וואס
ער האט זייא ניט געקאנט ערקלעהרען וויל ער האט
מורא געהאט.

דער דינער האט ודעם הגמון געמעלדעט דאס דער מכשף
איז געקומען אונ ער וויל ריידען מיט איהם, האט דער הגמון
געזאגט צוא זיין יונגענד פריינד דעם בעל שם: דוא בלייב דא
זיצען, איך וועל גיין הערען וואס וויל דער צורר היהודים פון
מיר, וואס פערלאנגט ער, געוויס איז ער געקומען שלעכטעס
טאן דיא עטליכע אידעלאך וואס ליגען געהאלטען בייא דיא
(פישוט נאגן)

נוט הערציגע בירגער, איך וועל איהם עמפפאנגען בכבוד וועט ער מיר געוויס פארטרויען זיינע שלעכטע טיראנישע פלענער וועלען מיר נאכדעם זוכען א מיטעל ווי מיר זאלען זיי צושטערן, ריידענדיג איז דער הגמון אריינגעגאנגען אין ווארטע זאאל וואו דער מכשף איז געזעסען מיט א גרויסע גאנז אין האנד.

דער הגמון האט אין אנפאנג געדיינקט דאס ער האט איהם דיא גאנז געבראכט אלס מתנה, אבער ער האט געהאט א טעות, דער מכשף האט איהם ערקלערט דאס דיא גאנז האט ער געבראכט פאר דיא בירגער זיא וועט זיא ווייזען וואו עס ליגט א איד בעהאלטען.

דער הגמון האט זיך זייער געוואונדערט אויף זיינע רייד, ער האט איהם געפרעגט וויא אזויא וועט דיא גאנז קאנען אזא זאך ווייזען.

— אין דיא גאנז האב איך אריינגעלאזען א כישוף — האט דער מכשף געזאגט — אונ וויא איך לאז איהר ארויס פון מיין האנד פליהט זיא ארויף אויף דעם דאך פון הויז וואו דארט איז פאראן א געהיימער איד.

— אויב אזויא — האט דער הגמון געזאגט — נעהם דיין בעכשפטע גאנז אונ גייא מיט איהר א וועק אין אונזער געבעט הויז, דארטען וועלען זיך אלע איבערצייגען אז דיין כישוף איז ריכטיג, איך וועל דארט באלד אויך קומען, איך וועל מיך פרייען צוא זעהן אזא גרויסען כישוף.

(כישוף גאנז)

דער

דער מכשף האט זיין בעכשפ׳טע גאנז אוועק געטראגען אין געבעט הויז, אונ דער הגמון האט זיך צוריק געקעהרט צו זיין גאסט אין זאאל אריין.

— יעצט פארשטייא איך — האט דער הגמון געזאגט — פאר וואס דער היילינער נביא פארגלייכט דיא אידישע צרות צו א געוויינערן, ווייל זיא האט שמערצען איידער זיא געבירט דאס קינד, אונ נאכדעם האט זיא נאכוויינעם... אזויא איז יעצט מיט דיא אידישע צרות אין ווירמיש, נאך דיא פאלשע בלבולים אונ נאך דיא בלוטיגע מלחמה, וואס זיינען אזויא פיל אידען געהרגת געווארען עס זיינען נור איבערגעבליבען א קליינע צאהל אידען וואס עטליכע בארעמהערציגע בירגער האבען אויף זייא רחמנות געהאט, אונ ניט דווקא אויף זייא וויא אויף זייער פארמעגען, דאס פארדריסט דיא טיראנישע בירגער, האבען זייא צוגעבראכט א מכשף וואס האט א גאנז אונ דורך כישוף וועט זיא פליהען אונ בלייבען שטיין אויף דיא דעכער פון דיא הייזער וואו עס זיינען פארבארגען דיא איבער געבליבענע עטליכע אידעלעך, וועלען זייא נאכדעם בעפאלען אויף יענע הויז אונ וועלען צווינגען דעם גוטען בירגער דאס ער זאל דעם בעהאלטענעם אידען ארויסגעבען, וועלען זייא איהם הרגנען.

— אונ ווער צוא איז גאר קיין עצה פאראן? — האט דער בעל שם געפרעגט? —

— איך האב דער צו קיין עצה — האט דער הגמון געזאגט — פיליכט ווייסט דו דער צו א מיטעל איך מוז דיר דעם אמת זאגען דאס אזויא וויא איך פרייע מיך מיט דיין קומען צוא מיר, אט אזויא האב איך מורא פיליכט פליהט דיא גאנז אויף מיין דאך

(פישוט גאנז)

ארויף

ארויף, וועלען פיעל בירגער ארומרינגלען מיין הויז און וועלען זוכען אין אלע פארבארגענע ערטער, און אויב זייא וועלען דיר געפינען בייא מיר וועלען זייא געוויס דיר הרגענען מיט גרויס רציחה, און איך וועל האבען גרויס פארדרוס און שאנדע, איך קאן דאך ניט זיך שטעלען מלחמה האלטען מיט אזויא פיל מערדער.

— דוא האסט רעכט מיין ליבער יונגער פריינד — האט דער בעל שם געזאגט — נאר איך האפע צוא גאט דאס דו וועסט דורך מיך קיין פארדרוס האבען, דוא טוא נור מיין פערלאנג, וועט שוין אלס ווערען אין בעסטען ארדענונג.

— אויב עס וועט נור מעגליך זיין צוא מאן דיין פערלאנג — האט דער הגמון געענטפערט — וועל איך געוויס מיט דיא גרעסטע פערגעניגען טאן, אלזא זאג מיר וואס פערלאנגסט דוא פון מיר.

— מיין פערלאנג איז נאר א קלייניגקייט — האט דער בעל שם געזאגט — דו זאלסט מיר פאר מאסקירען אין דייגע תיילינגע קליידער און מיט מיר גיין אין דיין נעבעט הויז וואו דער מכשף איז דארט יעצט מיט זיין בעכשפ׳טע גאנז, דו וועסט זאגען דאס איך בין א דייטשער פריידיגער און דו וועסט מיר מכבד זיין צו זאגען א דרשה דו ווייסט דאך אז איך בין אים שטאנד צו פריידיגין אין דעם גייסט פון דיא בירגער דאן האפע איך דאס דיא נייע גזירה פון דיא בעכשפ׳טע גאנז וועט געוויס בטל ווערען, און דער מכשף וועט מיט זיין גאנז אנטלויפען פון יענעם ארט פון וואנען ער איז געקומען, וועלען מיר רעטען דיא עטליכע פארבארגענע אידען פון שארפען שווערד.

(פישוף גאנז) דיין

— זיין פערלאנג — האט דער הגמון געזאגט — זאל באלד שפילם ווערען, איך טוה דיר דיא וואהרהייט זאגען אז איך בעוואונדערע דיין גרויסען מוטה אונ דרייסטינקייט, מיר וועלען זעהן וואס דיא צייט וועט זאגען.

ו׳

דער הגמון האט דעם בעל שם פארטאסקירט א קוראם ווי א נייסטליכען פריידיגער, אונ ער האט איהם אוועק געפיהרט אין זיין געבעט הויז אונ ער האט איהם מכבד געווען צוא פריידיגען.

דער בעל שם איז ארויפגעגאנגען ווייא א געניטער פריידיגער אויף דעם ארט וואו דער הגמון פלעגט פריידיגען, ער האט געזאגט א דרשה אזעלכע וואס דעם הגמון אונ אלע בירגער איז געפעלען געווען, אזא נייע אונ ריכטיגע דרשה האבען זי געהערט דעם ערשטען מאל, אונ אז דער בעל שם האט באמערקט דאס דיא צוהערער זיינען צו פרידען מיט זיין דרשה, האט ער אנגעפאנגען זאגען זייא מוסר, ער האט זייא ערקלעהרט דאס דיא אידישע גאנצע תורה פון אנפאנג ביז ענדע איז הייליג ווייל דאס האט גאט אליין געגעבען צוא זיין פאלק ישראל, אונ אזוי ווייא גאט קאן ניט פארענדערט ווערען, אזוי קאן דיא תורה ניט ווערען אנדערש, זיא בלייבט הייליג אויף

עויג (בישוף נאגן)

עווינ וויא לאנג דיא וועלט וועט ניט וויסט אונ לעער ווערען, אזויא לאנג וועט דיא אידישע תורה עקסעסטירען, אונ דארום זעהען מיר דאס אלע היילינע נייע געזעצגעבער האבען דיא תורה ניט מבטל געוועזען, נור ערקלעהרט אין מאנכע ערטער דיא כוונה פון דיא תורה, עס גיבט אבער אזעלכע געבאט אין דער תורה וואס קיין נייער געזעצגעבער קאן געפינען אין איהר אנאנדער כוונה וויא דיא אידען לעגען דעם געבאט, צום ביישפיל: איינע וויכטיגע געבאט גיבט אין דיא אידישע תורה מיט דעם אויסדריק „לא תרצח" דוא זאלסט ניט מארדען, דוא זאלסט ניט מארדען, דוא זאלסט ניט הרגנען, דיא תורה זאגט ניט וועמען, וויל דיא געבאט איז אויף אלעמען געזאגט גע-װארען, מען טאר ניט הרגנען קיין מענשען אהן אונטערשייד, קיין אידען קיין קריסטען, קיין געצענדינער, קיין ציגיינער, קוים איז ער א מענש, בלוט אונ פלייש, טאר מען זיין בלוט ניט פארגיסען, אין דיא צעהן געבאט שטייט נור געשריבען „לא תרצח" אבער אין אנדערע ערטער אין דער תורה איז געשריבען קלאהר אונ דייטליך וואס פאר א שטראף דער מענש האט ווען ער פארגיסט אונשולדיגע בלוט, עס העלפט איהם קיין געלד דער צו, עס ווערט זיין זינד ניט פארגעבען דורך פאסטען, דורך תפילה, דורך קיין זאך ניט, נור זיין בלוט מוז פארגאסען ווערען, ער מוז פילען דעם טעם פון טויט וויא יענער האט געפיהלט, דער מיט אליין איז ער נאך ניט פערטיג, ער בעקומט א גרויסע שטראף אויף יענע וועלט, אין די געבאט „לא תרצה" האט נאך קיין מענש ניט געזאגט אנאנדער כוונה אלע געזעצגעבער וואס זיינען געקומען אויף דער וועלט נאך משה רבינו האבען דיא געבאט פארשטארקערט, יעצט מיין געעהרטע פובליקום אונ טייערע ברידער ווען איך וועל אייך פרעגען, איהר האט ביז היינט ערפילט דיא היילינע געבאט פון „לא תרצח„? וועט איהר

(פישוף גאנז)

מיר

מיר געוויס ענטפערען: יא מיר האבען ערפילט, וועל איך אייך ווייטער פרעגען: איהר ווייסט געוויס דאס איך בין א פרעמדער אין אייער שטאט, איך בין אהער געקומען וועגען א וויכטיגע רעליגיאנס פראגע צו דעם האכגעלעהרטען הגמון, זייענדיג אין שטאט האב איך געשמעקט וויא א ריח פון מענשען פלייש, איך האב געפרעגט די אורזאכע דער פון האט מיר מיין בעגלייטער ערציילט דאס ביי אייך אין שטאט זיינען געהרגעט געווארען זייער פיל אונשולדיגע מענשען.

— דורך וועמען? — האב איך מיט גרוים וואונדער געפרעגט — זיינען רויבער בעפאלען די שטאט.

— ניין! — האט מיין בעגלייטער געענטפערט — ניט רויבער האבען דאס געטאן, נאר די שטאט בירגער, זיא מיט זייערע אייגענע הענד האבען פיל מענשען בלוט פארגאסען.

— איך גלויב דאס ניט! — האב איך מיט די גרעסטע אויפרעגונג געשריען — וויא קאן דאס מעגליך זיין? רוהיגע פרומע בירגער זאלען ווערען פלוצלונג מערדער? דאס איז געגען די נאטור, פרומע בירגער, וואס קומען אין א געבעט הויז הערען א פריידיגער, און בעטען ביי גאט ער זאל זיא געבען לעבען און געזונד, גוטע קינדער און פרנסה, אזעלכע צהרען בירגער זאלען איינשמירען זייערע הענד אין מענשליכע בלוט? צוא מיינעם בעדויערען און גרויסען וואונדער ווייס איך יעצט דאס די טרויעריגע גרויזאמע זאכע האט פאסירט, און די קראפט פון דעם יצר הרע איז אזויא

(פישוט נאנז)

אזויא גרויס, ווען ער נעהמט א מענשען אין זיינע תענד אריין, מאכט ער איהם אונגליקליך ער פארבלענדעט איהם דיא אויגען, פארשטאפט איהם זיינע אויערין, פארגיעסט זיין הארץ מיט פעטס, ער לאזט איהם ניט זעהן דיא בלוט וואס ער האט פארגאסען, ער לאזט איהם ניט הערען דיא שטראף רייד פון דיא אמתע פריידינער, ער לאזט איהם ניט פארשטיין וויא גרויס זיין פארברעך איז געגען גאט אונ געגען דיא מענשליבקייט, דער יצר הרע וואס האט איהם אריינגעשטופט אין א זומפיגען ארט שטופט ער איהם ווייטער אונ ווייטער אונ ער לאזט איהם פון דארט ניט ארויסקריכען ער לאזט איהם ניט זיך ארומטוואשען, דיא רייד זאג איך אייך ווענען דיא אידען וואס איהר ווילט דיא איבער געבליבענע הרגנען, איהר בארעכענט ניט אז זייא האבען שוין גענוג צרות געהאט, אמת דיא צרות זייערע האבען זייא פארדינט פון גאט פאר זייערע זינד, אבער ניט איהר דארפט זיין דיא שלוחים פון גאט צוא הרגנען זינדיגע מענשען, גאט האט גענוג שלוחים אהן אייך צוא בעשטראפען מענשען פאר זייערע זינד, אויף דער וועלט זיינען פאראן גענוג חיות רעות, פיל גיפטיגע שלאנגען, איהר דארפט וויסען ווען אייגער ערטרינקט א מענשען האט יענעם געקומט דער פסק, נור דער וואס האט איהם ערטרונקען וועט אויך ערטרונקען ווערען, ווייל ניט דוא דארפסט זיין דער שליח יענעם צוא בעשטראפען.

(פישוף גאנז) יעצט

יעצט וועלען מיר ריידען פון נאך איין געגענשטאנד, נעמליך: דיא היילינע געזעץ געבער האבען פארבאטען צוא געברויכען כישוף, משה אין זיין תורה זאגט ניט דיא אורזאכע דער פון פאר וואס מען טאר קיין כישוף ניט געברויכען, איך אבער וועל אייך זיא זאגען דיא אורזאכע, וייל כישוף איז לויטער בעטרוג, פאלש, זיא פארפיהרט געזונדטע מענשען פארשטאנד אין א גרויסען אוצר וואס איז פול מיט ליגען, דארום האבען דיא געזעץ געבער געוואלט דיא גלויביגער ניט איינגעוואוינען אין בעטריג אין פאלשקייט אונ אין נארעשקייט, ווילט איהר א ריכטיגען בעווייז דאס מיינע רייד איז קלאהר וויא דער טאג? קאן איך אייך שוין ווייזען, איהר וועט זיך אלע באלד איבערצייגען דאס כישוף איז נור בעטרוג, אט הערט מיין מופת, איהר וועט דאס באלד קאנען פרובירען, וועט איהר מעהר אין כישוף ניט גלויבען, אט ביא אונז אין געבעט הויז איז יעצט פאראן א מכשף ער האט געבראכט א בעבשעפ'טע גאנז ווען ער לאזט איהר ארויס אויף דער גאס זא פליהט זיא ארויף א דאך וואו א איד איז דארטען פאראן, (אזויא זאגט ער), — נוא איהר ווייסט אלע ריכטיג אז ביי אונז אין געבעט הויז איז יעצט קיין אידען ניט פאראן זאל ער ארויסלאזען דיא גאנז מיר אלע וועלען בלייבען היר נור עטליכע מענשען זאלען ארויס גיין אויף דער גאס זעהען, עס איז מעגליך דאס דיא גאנז וועט בלייבען שטיין אויף דעם דאך פון אונזער געבעט הויז,

(כישוף גאנז) דארפט

בארפט איהר נאך האבען א בעסערען צייכען וויא דע־
צייכען איז:

דער הגמון האט געזאגט צוא דיא גאנצע פערזאמלונג
מיר מוזען דאס באלד פרובירען זעהן, אויב דאס וועט זיין
ריכטיג אזויא וויא ער זאגט, דעמאלט וועלען מיר איהם
געבען כבוד.

דער הגמון אליין מיט זיינע הענד האט גענומען דיא
גאנז אונ ער האט איהר ארויסגעטראגען אויף דער גאס,
און דיא גאנז געפלויגען אונ איז געבליבען שטיין אויף דעם
דאך פון געבעט הויז, קיינער האט ניט געוואוסט דעם סוד
דער פון נור דער הגמון אונ דער בעל שם האבען געוואוסט
אז דיא גאנז האט ריכטיג געטאן וויל דער פריידיגער איז
געוועזן א פרומער איד.

— מיינע פריינדע! — האט דער בעל שם געענדיגט
זיין דרשה — אז איך האב אייך איבער ציינט דאס מיינע
ווערטער זיינען הייליג און ריכטיג ביטע איך אייך איהר זאלט
שווערען אין דעם הייליגען ארט דאס איהר זאלט פון יעצט
אן קיין אידען ניט צעפען, לאזט זייא לעבען, זייא זיינען אויך
נאטעס באשעפענעש, לאזט זייא האנדלען, פארדינען,
וייל א לעבעדיגער מענש מוז עסען, שווערט מיר צוא אויף
דעם וועל איך גאטט בעטען פאר אייך איהר זאלט גליקליך
זיין אויף אייער גאנצען לעבען.

— מיר שווערען! — האבען אלע שטאט בירגער
אנגעשרייא געטאן — גאט זאל זיין אונזער עדות אז מיר שווערען
ריכטיג, דיא פארבארגענע אידען מעגען זיין א היים זיבער
אם וועט זייא מעהר קיין אונגערעכט פון אונז טרעפען.

(פישוט נאנז)

דיא

די בירגער האבען ווארט געהאלטען אין דעם זעלבינען טאג זיינען די אידען געגאנגען א היים.

יעדעס יאהר אין דעם טאג וואס זיא זיינען פריא געווארען, האבען זיא צום אנדיינקען געפאסט אונ האבען געטיילט פיל צדקה, זיא האבען יענעם טאג גערופען דער צווייטער פורים, דעם המון מיט דעם בעל שם האבען זיא יעדען שבת געמאכט אין שוהל מי שברך, ווייל אידען זיינען א דאנקבארע פאלק, זיא פארגעסען קיין מאל ניט ווען איינער טוט זיא א טובה.

• • •

די גאנצע מעשה איז געווים אמת, נור דעם פאקט מיט די גאנז זאגען אנדערע אז זיא איז געפלויגען ניט דורך כישוף (ווייל זיא גלויבען ניט אין כישוף) נור זיא איז געוועזען געוואוינט צוא פליהען אויף דעם גארטענשטען דאך וואו דער מכשף האט איהר ארויסגעלאזען, אונ דאס וואס א מאל האט מען איינעם גערופען מכשף רופט מען איהם היינט מאניקער אדער פאקוסניק.

ענדע

(כישוף גאנז)